**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/6/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שרייבט אונטער געזעץ צו דורכפירן שטודיע אויף פעיראל סערוויסינג אינדוסטריע נאכפאלגנדיג MYPAYROLLHR סקאנדאל**

***געזעץ (S.3577/A.7786) פאדערט די דעפארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס צו דורפירן א שטודיע אין באציאונג צו דריטע-פארטיי פעיראל סערוויס פראָווייודערס***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אונטערגעשריבן געזעץ S.3577/A.7786 צו פאדערן די דעפארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס (Department of Financial Services) צו דורכפירן א שטודיע איבער די פעיראל סערוויסינג (העלפן ביזנעסער באצאלן ארבעטער'ס געהאלטן) אינדוסטריע נאכפאלגנדיג די MyPayrollHR סקאנדאל וואס האט פאראורזאכט גרויסע פינאנציעלע שוועריגקייטן פאר ארבייטער און קליינע ביזנעסער. די דעפארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס, זיך צוזאמרעדנדיג מיט די דעפארטמענט פון שטייערן (Department of Taxation), וועט דורכפירן א שטודיע איבער אינשורענס און אנדערע ריזיקע פארמינערונג כלים און דריטע-פארטיי פעיראל סערוויסערס וועלכע שטעלן צו די סערוויסעס צו פארזיכערן די געזונטהייט פון דעם אינדוסטריע און אז עס זענען דא גענוג מאסנאמען צו באשיצן קליענטן. דער סופעראינטענדענט פון פינאנציעלע סערוויסעס וועט דערנאך ארייננעבן א באריכט פון די געפונסן און רעקאמענדאציעס צו די גאווערנער, די צייטווייליגע פרעזידענט פון די סענאט און דעם ספיקער פון די אסעמבלי.

"ארבייטער און קליינע ביזנעס אייגנטימער אין ניו יארק זענען שווער געשעדיגט געווארן דורך די צוזאמפאל פון MyPayrollHR, און עס איז וויכטיג אז מיר זאלן האבן אלע אינפארמאציע צו פארשטיין וואס האט געפירט צו דעם קריזיס", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די ערשטע טריט אין סיי וועלכע פראצעדור איז דאס צוזאמנעמען אלע אינפארמאציע איבער וואס עס גייט פאר און נוצן די אינפארמאציע צו מאכן א פלאן זיך רוקנדיג פאראויס, און דאס איז גענוי וואס דער געזעץ וועט טוהן."

אין 2019 האבן פעדעראלע אויטאריטעטן געפונען אז דער פרעזידענט פון די אָפּסטעיט ניו יארקע פעיראל מענעדזשמענט פירמע, MyPayrollHR, האט אריבערגעפירט 26 מיליאן דאלאר פון פעיראל געלטער צו זיין פערזענליכע אקאונט. דאס האט געפירט דערצו אז MyPayrollHR אקאונטס זענען פארפרוירן געווארן, און פעיטשעקס זענען פארטיילט געווארן אויף געלטער וואס האבן נישט עקזיסטירט. די פעיטשעקס זענען דערנאך צוריקגעצויגן געווארן, פירנדיג צו שווערע אָווערדרעפט באצאלונגען פאר די ארבייטער וועלכע זענען געווען פארמישט. דער געזעץ וועט פאדערן די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס צו ארבעטן צוזאמען מיט די דעפארטמענט פון שטייער און פינאנץ צו דורכפירן א שטודיע אויפן אינדוסטריע, אן ערשטער טריט אינעם איבערקוקן דעם אינצידענט און זעהן וועלכע מעגליכע פארמיידונג מאסנאמען קענען גענוצט ווערן.

**סטעיט סענאטאר ניל ד. ברעסלין האט געזאגט,** "אין ליכט פון די MyPayrollHR סקאנדאל וואס איז פארגעקומען אין 2019, וואס האט איבערגעלאזט טויזנטע ארבייטער און קליינע ארבעטסגעבער אן

זייערע געהאלטן אדער געלטער, איז עס געווארן קלאר ווי די טאג אז מיר דארפן אונטערזוכן די פּעיראל סערוויס פּראָווײַדער אינדוסטריע צו באשטימען וועלכע אנדערע מאסנאמען צו באשיצן קליענטן דארפן דורכגעפירט ווערן צו פארזיכערן אז א סיטואציע ווי דאס פאסירט נישט נאכאמאל. איך אפלאדיר גאווערנער האקול פארן אונטערשרייבן דעם וויכטיגן געזעץ."

**אסעמבלי מיטגליד קעווין א. קאהיל האט געזאגט,** "דריי יאר צוריק האבן מיר צוגעקוקט מיט אנגסט ווי א פּעיראל פירמע האט געגנב'ט צענדליגע מיליאנען דאלארן פון ניו יארקע ביזנעסער און ארבייטער. פאמיליעס האבן זיך אפילו נישט געקענט אן עצה געבן צו באצאלן זייער רענט און בילס אזוי ווי זייערע געהאלטן זענען נישט אנגעקומען און זייערע ארבעטסגעבער האבן נישט ערזעצט די פעלנדע געלטער. מיר ווילן זיכער מאכן אז קיין איין פאמיליע זאל זיך נישט דארפן פארמעסטן מיט אזא סיטואציע. דאס איז פארוואס מיר מוזן קוקן נאענטער אויף די דריטע-פארטיי פּעיראל סערוויס אינדוסטריע צו זעהן וויאזוי דאס האט פאסירט און וועלכע שריט מיר קענען אונטערנעמען צו זיכער מאכן אז קיינער פארלירט נישט זייער פּעיטשעק נאכאמאל. איך אפלאדיר גאווערנער האקול פארן זיך אנשליסן מיט אונז אינעם באשיצן אונזערע איינוואוינער דורכן אונטערשרייבן דעם געזעץ, און איך קוק ארויס צו זעהן די פולע שטודיע."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | 518.474.8418 | press.office@exec.ny.gov

זיך ארויסשרייבן